UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
“Dos Finfte Rod” – A Band Lider Fun Mayer Kherets ( “The Fifth Wheel” – A Volume of Poems by Maier Cheretz)

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/2bn3s2cx

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 94(1)

Author
(Z.S.), Z.Sh

Publication Date
1979-09-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# „דאָס פינפטע ראַד"

אַ באַנד לידער פון מאיר חרץ, ירושלים, 1978

די לידער און געזאַנגען אין דעם באַנד „דאָס פינפטע ראַד" זיינען מערסטנס קורצע און גלייכצייטיק אויך דערציילעריש. נאָר טייל לידער זיינע, די טיף יחידישע, צאַרטע, די פון בענקשאַפט און פון ליבשאַפט געפורעמט, האָב איך לאַנג, זייער לאַנג געלייענט. נישט מחמת כ'האָב זיי נישט געקענט פאַרשטיין, נאָר גאָר פשוט, כ'האָב זיך נישט געקענט באַפרייען פון זייער ווירקונג, פון זייער מאַגיק. די ווערטער זיינען פשוטע יידישע ווערטער און דאָך מעלאָדיש; די בילדער זיינען מערסטנס אָפענע, נישט פאַרהוילן מיט זיבן שלייערן און דאָך פאַנטאַסטיש און קאָלירפול. און דאָס געמיט איז לייכט און שפּילעוודיק.

„אַט קלייב איך מיר אויס אַ פּאָר פליגל,
די פאַרביקסטע קלייב איך מיר אויס
און מעסט זיי מיר אָן קעגן שפּיגל
און פלי מיר אַוועק פון מיין הויז.

אַט יאָג איך אַריבער די פייגל,
און טו זיך אַ דריי און אַ בויג,
סע ווינקט מיר די ערד מיט אַן אייגל,
איך ווינק איר צוריק מיט אַן אויג."

און אפילו אין אַ שווערער ליד פון דעם „פרעמדן גן־עדן", ווו דער פּאָעט דערציילט וועגן דער ריזיקער אַרבעט צוריק אויפצובויען דאָס פון מלחמה־פאַרוויסטעט לאַנד, דערציילט ער דאָס לייכט און שפּילעוודיק:

„מיר בויען אַ פאַרביקן גאָרטן
לויט אַ געמאָלטן פּלאַן,
מיר מעסטן דעם וועג צו די שטערן
און בויען אַהינצו אַ באַן.
מיר שיקן אַ שיף צו דעם אינדזל,
וואָס וויזט זיך ביינאַכט מיט שיין
און ברענגען פון דאָרטן שטיינער
און מויערן דאָ זיי אַריין."

אַט די לידער, הגם זיי איבערראַשן אונדז ניט מיט עפּעס אויסערגעוויינלעכעס, נייעס, זיינען גוטע יידישע לידער ווי הונדערטער אַנדערע גוטע יידישע לידער. אין בוך געפינען מיר אָבער פיל צאַרטע, טיף־לירישע לידער ווו דער פּאָעט דערציילט וועגן זיין פּערזענלעכן אומעט, בענקשאַפט און פרייד און וואָס מען דאַרף לייענען פּאַמעלעך מיט אַ רואיק געמיט און אָפן האַרץ, ווי למשל דאָס ליד „פון דיין בענקשאַפט באַגלייט": —

„מיין טיר איז צוגעשלאָסן,
אין פענצטער איז לאַנג שוין נאַכט,
דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן,
די אויגן ווערן פאַרמאַכט.
דער פידלער אויף יענער זייט פענצטער
איך פיל אים אויף מיין געזיכט,
איך פיל אים דורך די פענצטער,
איך הער ווי ער רעדט צו זיך:
אַז איך וועל די סטרונעס אַ ריר טאָן
און טאָן מיטן סמיק אַ פיר,
אַז איך מיטן סמיק וועל אַ פיר טאָן
און גרייכן ביז צו דער טיר.
וועסטו שוין ליכטיק מאַכן,
די אויגן אָן עפן טאָן
און ס'וועט זיך מיין פידל צעלאַכן
פון דעם וואָס אַ פידל קאָן
און דו וועסט דיין טיר אַ צעפּראַל טאָן
מיט שיין אין דער גאַרער ברייט
און איך וועל נאָך איין מאָל אַ שטראַל טאָן
און אַוועק פון דיין בענקשאַפט באַגלייט."

אָדער דאָס ליד „11טער דעצעמבער 1940"; „און איך בין אַריבערגעשפּרונגען" „דער אָטעם אין אויער" און נאָך אַנדערע.

אַ סאָפיסטיצירטער לייענער קען אפשר זאָגן, אַז אַזעלכע לידער זיינען נישט קיין אויסנאַם אין דער יידישער פּאָעזיע. זיי זיינען בלויז אין טאָן פון אונדזער ליריק. אויף דעם קען מען ענטפערן, אַז שוין דאָס אַליין איז אַ הויכע מדרגה צו דערגרייכן. אין אָט דער ליריק אַנטפּלעקט זיך מאיר חרץ, דער עולה פון סאָוועטן פאַרבאַנד, אין זיין פילגעשטאַלטיקייט ווי אַ מייסטער זינגער. ער איז מעלאָדיש, שפּילעוודיק און בילדלעך אין גראַם און אין פרייען

פּערז. דאָס איז זיין פינפטער לידער־בוך געדרוקט אין ישראל במשך די עטלעכע יאָר וואָס ער וווינט דאָרט און שאַפט ווײַ־טער זיינע פּאָעטישע פּערזן.

פאַר דער יידיש־שאַפונג אין ישראל איז אפשר כאַראַקטעריסטיש וואָס דאָס בוך הייבט זיך אָן מיטן ליד „אין פרעמדן גן־עדן" און פאַרענדיקט זיך מיט אַן אַכט שורהדיק ליד: „אַ גוטן טאָג דיר, יידיש". צי דאָס איז כאַראַקטערסטיש פאַר דער לופט פון מדינת ישראל צי פאַרן פּאָעטס געמיט, ווייס איך נישט גענוי נאָר איך פיל אַז ערגעץ־ווו צווישן די צוויי הונדערט און זעכציק לידער קען מען דעם סוד געפינען און אויפקלערן. אויף זייט 9 לייענען מיר דאָס ליד: „איך בין צו דעם גליק געפלויגן":

„איך בין צו דעם גליק געפלויגן
און קראַנק געוואָרן פון פליען,
איצט קום איך מיט נאַסע אויגן
אויף טרוקענע שטיינער צו קניען."

און ער דערציילט ווי אין די פרעמדע היכן האָט ער געזוכט דעם שפּיץ פונעם בבל־טורעם, אָבער איצט איז ער געקומען בעטן ביי די זאַמדן אין מדבר אַ בעט פאַר זיינע אַלטע ביינער. איצט רוט ער אין דעם ווייכן זאַמד פון מדבר און געניסט פונעם הכל הבל. דאָס איז מסתמא אַ צייכן פון פּאָעטס געמיט און אפשר אויך אַן אַנצוהערעניש אויף דער אילוזיע פון קיבוץ גלויות. וואָרעם זיין אייגנאַרטיקע נייגונג צו שפּיל און שפּאַס און סאַטירע איז דאָ שטאַרק קענטיק. אמת, נישט אַלע מאָל איז דאָס לעבן אַ שפּילעכל. צו אָפט האָט דאָס לעבן אויך אַ טראַגישע אויס־ווירקונג. די גוטע חלומות רינען אויס און מען בלייבט מיטן טרויער:

„די נאַכט האָט אַ גאַנצע נאַכט געגלעט
מיך,
דער טאָג האָט געשניטן מיט מעסערס"

— איז ער אונדז מגלה. דאָך צווישן טאָג און נאַכט, צווישן אַ גלעט און אַ שניט באַווייזט ער נאָך זיך אַ שפּיל צו טאָן מיטן לעבן אויף קידער־ווידער:

„קער איך איבער אַ כמאַרע
אויף דער לינקער זייט,
בייט זיך איבער די מראה
פון דער וועלט אין דער ווייט."

פון צייט צו צייט גייט זיין ווייטיק אי־בער אין בייסיקער סאַטירע אויף קאַלעגן־פּאָעטן. פון זיינע לידער קריג איך דעם איינדרוק, אַז ווען ער איז לכתחילה גע־קומען פון טשערנאָוויץ אין סאָוועטישן גן־עדן איז ער בטבע מסתמא געווען אַ גוטמוטיקער, האָפנונגספולער מענטש און אפשר אויך געהאַט געוויסע גן־עדן אילו־זיעס. ס'איז באַקאַנט אַז גרויסע טיילן יידן פון די דורך־די־רוסן־פאַרנומענע טעריטאָריעס זיינען מיט פרייד געלאָפן זיך ראַטעווען אין „רויטן גן־עדן". עס האָט זיי ניט גענומען לאַנג אויסצוגעפינען זייער ביטערן טעות:

„פון גן־עדן־קנעכט די היטער
און די סטאַלינישע ריטער
וואַרפן אָן אַ שרעק, אַ ציטער —
אוי איז ביטער, אוי איז ביטער!"

ס'איז קודם מלחמה צייט, גלייך נאָכן פּאַלשן שלום צווישן היטלער־סטאַלין. רוסלאַנד בלוטיקט און פאַרלירט. ס'גאַנ־צע לאַנד איז איינגעשפּאַנט אין בלוטיקן יאָך. און אויך דער פּאָעט גייט אין שפּאַן, טראָגט דעם יאָך צו שטאַרקן און מונטערן מיט זיין וואָרט. יידן בכלל רייסן זיך צום קאַמף קעגן נאַצי־שונא. יידישע פּאָעטן שרייבן קאַמפס־לידער, מאיר חרץ שרייבט אַ ליד:

„און שטאַרק איז דער שטראָם פון די רויטע אַרמייער
וואָס טרענקען די קריגער אין אייגענעם קריג" אא"וו.

סוף כל סוף, נאָך אַלע קרבנות, ווען דער טאָג האָט זיך דערנענטערט, האָט דער פּאָעט געקענט זינגען מיט אמתע פרייד:

„דער לעצטער עכאָ פונעם לעצטן שאָס
האָט אָפּגעקלונגען איבער חורבות, קברים
און ס'האָט נצחון־שיין געטאָן זיך אַ צעגאָס
פון מזרח־זייט, פון מערב און פון דרום."